ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## ויגש

**(חלק כה שיחה א)**

יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים״

770 איסטערן פּאַרקוויי
ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת ויגש, א־ז טבת, ה׳תשפ״ו (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# ויגש

א. אויפן פסוק[1] „רועה ישראל האזינה נוהג כצאן יוסף" טייטשט רש"י[2]: כל ישראל נקראים על שם יוסף לפי שהוא פירנסם וכלכלם בימי הרעב (ווי עס שטייט אין אונזער פרשה[3]: ויכלכל יוסף את אביו ואת אחיו ואת כל בית אביו לחם לפי הטף).

בפשטות לערנט מען: וויבאַלד יוסף האָט די בני ישראל געשפייזט אין אַ צייט פון הונגער, וואָס דאָס מיינט אַז זייער קיום איז געווען אָפּהענגיק אין יוסף'ן, דערפאַר ווערן זיי אָנגערופן על שמו — על שם זה וואָס ער האָט אויפגעהאַלטן זייער מציאות.

— דערמיט איז רעכט לשון רש"י „פירנסם וכלכלם בימי הרעב" — דלכאורה: דער פסוק „ויכלכל יוסף גו'" רעדט וועגן דעם זמן ווען (יעקב ובניו זיינען שוין געווען אין מצרים און) עס איז שוין בטל געוואָרן דער רעב[4] (כמחז"ל[5] „מכיון שבא יעקב למצרים באה ברכה . . וכלה הרעב")[6]?

וע"פ הנ"ל איז עס מובן — ווייל דוקא „לפי שהוא פירנסם וכלכלם בימי הרעב" [איידער זיי זיינען אַראָפּ אין מצרים (און האָבן געקויפט תבואה ביי יוסף'ן אין מצרים[7]) און נאָך הסתלקותו של יעקב ווען „חזר הרעב"[8] און יוסף האָט צוגעזאָגט אחיו „אנכי אכלכל אתכם ואת טפכם"[9]] האָט מען געזען ווי דער קיום פון בית ישראל איז געווען אָפּהענגיק אין יוסף.

ב. מען דאַרף אָבער פאַרשטיין[10]:

א) פאַרוואָס זאָלן אידן שטענדיק אָנגערופן ווערן מיטן נאָמען יוסף מצד אַ פעולה פון יוסף, וועלכע איז געווען מיט פיל יאָרן פריער און בלויז במשך פון אַ (גאָר) קורצער צייט?

ב) ועיקר: דער תוכן הכתוב „רועה ישראל האזינה נוהג כצאן יוסף גו' הופיעה" איז אַ בקשה וואָס מ'בעט דעם אויבערשטן — „האזינה . . הופיעה", וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז מיט באַצייכענען אידן אַלס „יוסף" ווערט אויסגעדריקט אַ מעלה פון אידן וועלכע גיט צו אַ זכות אויף מילוי הבקשה פון „האזינה . . הופיעה".

[נאָך מער: פון דעם וואָס די ווערטער „נוהג כצאן יוסף" קומען נאָך דעם ערשטן טייל הבקשה „רועה ישראל האזינה" איז משמע, אַז דער נאָמען „יוסף" איז אַ גרעסערע מעלה ווי דער

1) תהלים פ, ב.

2) ועד"ז במצו"ד (וראה לקמן הערה 6). — וברד"ק שם (וראה ראב"ע שם ד"ה יושב. ראב"ע, רמב"ן ורד"ק ויחי מט, טז): מעת כו' נקרא ישראל יוסף ואפרים . . ויקרא בהם שמי כו'. ולהעיר מראב"ע תהלים שם ד"ה רועה.

3) פרשתנו מז, יב. — אבל ראה לקמן בפנים.

4) כי מ"ש יוסף (פרשתנו מה, יא. וראה שם, ה־ז) „וכלכלתי אותך שם כי עוד חמש שנים רעב" (וראה תוספתא שבהערה הבאה) — הי' מפני שלא ידע עדיין שיבטל הרעב בבוא יעקב למצרים.

5) פרש"י פרשתנו מז, יט (מתוספתא סוטה ספ"י).

6) ולהעיר שבמצו"ד תהלים שם הלשון „שיוסף כלכל את השבטים במצרים".

7) ולהעיר שיוסף החזיר להם הכסף כו' (ראה מקץ מב, כה ואילך. מד, א. ועוד).

8) תוספתא שם.

9) ויחי נ, כא (הובא בתוספתא שם).

10) ראה גם לקו"ש ח"ה ע' 239 ואילך.

שם ישראל (עכ"פ — בנוגע דעם ענין המדובר אין דעם מזמור)[11] — וואָרום דער סדר התפלה איז, כמובן, מן הקל אל הכבד: פריער דערמאָנט מען אַ קלענערע מעלה, און דערנאָך (ובפרט — אויב דאָס איז ניט מספיק) איז מען מוסיף אַ גרע־סערע מעלה כו'].

איז ניט מובן: מיט וואָס איז דאָס וואָס יוסף „פירנסם וכלכלם בימי הרעב", אַ זכות ומעלה פאַר „כל ישראל", אַז דאָס זאָל פועל זיין (עכ"פ — העלפן אין) דעם „האזינה . . הופיעה"?

ג. וי"ל נקודת הביאור בזה[12]:

יעדער ענין גשמי הויבט זיך אָן (ווערט נשתלשל — ) פון מקורו — הרוחני. ועד"ז בנדו"ד — דאָס וואָס „פירנסם וכלכלם בימי הרעב" בפשטות, בגשמיות — דאָס וואָס די פרנסה גשמית פון בית ישראל בימי הרעב איז געווען אָפּהענגיק פון יוסף, נעמט זיך דערפון וואָס ער האָט זיי געשפייזט בימי הרעב ברוחניות[13].

רעב בגשמיות איז פאַרבונדן מיט דעם „רעב" ברוחניות[14] — אַ זמן (און מצב) פון העלם והסתר, ווען עס לייכט ניט קיין ג־טלעכקייט; און די מעלה מיוחדת פון יוסף איז — וואָס ער האָט בכח צו זיין אַ „מכלכל" ברוחניות אויך „בימי הרעב" (כדלקמן בארוכה).

און דאָס איז דער פירוש (הפנימי) אין „הוא פירנסם וכלכלם בימי הרעב": יוסף האָט משפיע געווען צו בית ישראל פון זיינע מעלות ותכונות נעלות (מיט וועל־כע מען קען איבערקומען אַ „רעב"), ער האָט עס אין זיי אַריינגעגעבן אין אַן אופן פון „פירנסם וכלכלם", אַז דאָס זאָל ווערן זייער „פרנסה" און „שפייז" — עס איז אַריין אין זיי בפנימיות און געוואָרן „דם ובשר כבשרם".

ומהאי טעמא ווערן אידן (עד סוף כל הדורות) אָנגערופן בשם יוסף מצד דעם וואָס „פירנסם וכלכלם בימי הרעב", ווייל דורכדעם איז ביי כלל ישראל איינגעוואָרצלט געוואָרן לתמיד די מעלה פון (עבודת) יוסף.

און דערמיט איז אויך מובן פאַרוואָס אידן ווערן אָנגערופן יוסף דוקא אין דעם מזמור, בקשר מיט דער בקשה „רועה ישראל האזינה גו'", ווייל דער תוכן המזמור איז די תפלה אויף די „שלש גליות"[15] (וואָס דערפאַר „נאמר[16] במזמור זה שלש פעמים[17] השיבנו האר פניך ונושעה"); און דער (עיקר) זכות פון אידן בעת גלותם איז פאַרבונדן מיט יוסף (וואָס „פירנסם וכלכלם בימי הרעב") — נאָך מער ווי די מעלה פון „ישראל" („רועה ישראל האזינה"), וכדלקמן.

ד. די הסברה אין דעם:

יוסף האָט זיך אויסגעטיילט פון די

11) ועוד זאת: ממה שנאמר „האזינה" לפני „נוהג כצאן יוסף" משמע, שהחידוש בהבקשה (שבהמשך הפסוק) „יושב הכרובים הופיעה" שייך להוספה זו ד„נוהג כצאן יוסף" (היינו, ש„נוהג כצאן יוסף" הוא (גם) הקדמה ל„יושב הכרובים הופיעה"). וראה לקמן הערה 57.

12) בכל הבא לקמן — עיין תו"ח ויחי ד"ה בן פורת יוסף פ"ט (קה, ב) ואילך (ושם רפ"י בפי' הכתוב „רועה גו' נוהג כצאן יוסף"). לקו"ש ח"ג ע' 831 ואילך. ועוד.

13) ראה גם תורת שמואל — תרל"ו (ח"ב) ע' שג.

14) כמש"נ (עמוס ח, יא) רעב כו' לשמוע את דברי ה'. וראה תדבא"ר פכ"ז.

15) רש"י תהלים שם, א. וברד"ק שם: וזה המזמור נאמר על זה הגלות.

16) רש"י שם.

17) שם, ד. ח. כ.

אַנדערע שבטים דערמיט וואָס ער איז דער איינציקער וואָס איז געווען אין גלות ביי אַן איש (ומלך) זר — „נשבה לבין הגוים"[18]; לא מיבעי אין דעם ערשטן זמן (נאָכדעם ווי „הורד מצרימה"[19]) אַלס עבד בבית פוטיפר און דערנאָך אַלס אסיר בבית הסהר, נאָר אפילו אין שפּעטערדיקן זמן, בשעת ער איז שוין געוואָרן אַ משנה למלך, וואָס „ובלעדיך לא ירים איש את ידו ואת רגלו בכל ארץ מצרים"[20], איז ער אָבער געווען אונטער דער שליטה והנהגה פון פרעה („הכסא אגדל ממך"[21]); אויך זיין שליטה אין גאַנץ ארץ מצרים איז געווען אַלס משנה (למלך,) פון פרעה'ן[22].

און דאָס איז בהתאם מיטן חילוק בפשטות צווישן חיי (ועבודת) יוסף און דעם סדר החיים פון די אַנדערע שבטים (וכמבואר בכמה מקומות[23]):

די שבטים זיינען געווען „רועי צאן", אָפּגעזונדערט פון די עניני העולם, וועלכע קענען זיי שטערן אין זייער עבודת השם; און אויך — די מלאכה פון רועה צאן פאָדערט ניט קיין אָנשטרענ־גונג און טירדא יתירה.

משא"כ יוסף איז געווען פאַרנומען מיט עניני העולם — פריער בבית פוטיפר וואָס „ויפקדהו על ביתו וכל יש לו נתן בידו"[24], ועד"ז דערנאָך בבית הסהר — „ואת כל אשר עושים שם הוא הי' עושה"[25], ועאכו"כ ווען ער (איז געוואָרן משנה למלך און) האָט אָנגעפירט מיט אַלע עניני מצרים („ועל פיך ישק כל עמי"[25*]), וואָס איז פאַרבונדן מיט די גרעסטע טירדות

— אָבער אעפ"כ האָבן די אַלע טרדות אים כלל ניט מבלבל געווען אין עבודת השם און ער איז גלייכצייטיק געשטאַ־נען בתכלית הדביקות צו אלקות.

ביי די אַנדערע שבטים, איז זייער דביקות בה' געווען פאַרבונדן מיט זייער מצב פון התבודדות, מיט זייער זיין אָפּגעזונדערט פון עניני העולם — ומובן, אַז אין אַזאַ סדר העבודה איז דער מצב פון גלות (זיין אונטער דער שליטה פון אַ זר) אַ סתירה און שטער צו דביקות בה'.

דוקא מיט דער עבודה פון יוסף, וואָס אויך זייענדיק אין די טרדות פון עניני העולם איז ער פאַרבליבן בתכלית הדבי־קות בה', קען מען דורכגיין דעם מצב פון גלות.

ה. עס שטייט[26] „אלה תולדות יעקב יוסף" — יוסף איז דער המשך („תולדות") פון יעקב[27], וכמאמר חז"ל[28] „כל מה שאירע לזה אירע לזה".

ועד"ז בענין הנ"ל: די אויסגעטיילט־קייט פון יוסף לגבי אחיו, וואָס דוקא ער איז דורכגעגאַנגען דעם מצב פון גלות, איז אַ המשך ו„תולדות" פון יעקב און זיין אויפטו לגבי אברהם ויצחק.

18) רש"י ויחי מז, לא.

19) וישב לט, א ואילך.

20) מקץ מא, מד.

21) שם, מ. — ולהעיר מפרש"י ויחי נ, ו.

22) ראה סוף פרשתנו (מז, יד) ויבא יוסף את הכסף גו' ביתה פרעה; שם, כ: כל אדמת מצרים לפרעה; שם, יט; כה: עבדים לפרעה. ועוד.

23) תו"ח שם (קב, ב ואילך). ד"ה ולא זכר תרפ"ח. ובכ"מ. וראה לעיל ע' 197.

24) וישב לט, ד. ובת"א (ועד"ז בתיב"ע) שם, יא: למבדק בכתבי חושבני'.

25) שם, כב.

*25) מקץ מא, מ.

26) ר"פ וישב.

27) ראה בארוכה ביאוה"ז לאדהא"מ (כט, ד ואילך) ולהצ"צ (ע' קסח ואילך). אוה"ת ויחי (שפה, ב ואילך. ועוד). ובכ"מ.

28) ב"ר עה"פ (פפ"ד, ו — הובא בפרש"י עה"פ). ע"ש.

און ווי מיר זעען, אַז צווישן די ג׳ אבות איז יעקב דער איינציקער וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ סך יאָרן פון גלות ושעבוד — די כ׳ שנה בבית לבן[29], אַר־בעטנדיק פאַר אים אין אַן אופן פון „הייתי ביום אכלני חורב גו׳ עבדתיך גו׳"[30], און ער איז געווען אַזוי משועבד צו לבן׳ען, ביז אַז לבן האָט אים געזאָגט „הבנות בנותי גו׳ וכל אשר אתה רואה לי הוא"[31] (וואָס אַזאַ מצב פון גלות ושעבוד געפינט מען ניט ביי אברהם אָדער יצחק) — פונדעסטוועגן האָט אויך די שווערע גלות־תקופה ניט גע׳פועל׳ט קיין שטערונג און חלישות ח״ו אין דער עבודה נעלית פון יעקב — „עם לבן הרשע גרתי ותרי״ג מצות שמרתי"[32].

דאָס איז דער אויפטו פון יעקב — מדת האמת[33], אין וועלכער ס׳איז ניט שייך קיין שינויים, וואָס דערפאַר בלייבט ער מיטן זעלבן תוקף, אין פאַרשידענע אומ־שטענדן, בלי שום שינוי, אפילו אין דעם גלות ביי לבן וכו׳.

[ועד״ז בנוגע די „תולדות" של האבות: „אברהם[34] יצא (ונפרד[35]) ממנו ישמעאל .. יצחק יצא (ונפרד) ממנו עשו", משא״כ יעקב איז „מטתו שלימה"[36] און ס׳איז ניט שייך קיין פסול (אַן ענין פון „יצא ממנו") בזרעו — ווייל[37] דאָס איז די תכונה ומעלה פון מדת האמת, אַז ס׳איז אין איר ניט שייך קיין ענין של שינוי ונטי׳].

אעפ״כ איז פאַראַן אַ חילוק עיקרי צווישן יעקב און יוסף, ביז — אַז דער עיקר כח וואָס יעדער איד האָט אויף קענען דורכגיין ענין הגלות, באַקומט ער דוקא פון יוסף, כדלקמן.

ו. דער חילוק בפשטות צווישן „גלות" יעקב און „גלות" יוסף:

ביי יעקב, איז

[נוסף אויף דעם וואָס (א) זיין שעבוד צו לבן איז באַשטאַנען בלויז אין דעם וואָס ער האָט געאַרבעט פאַר לבן, אַלס פועל[38], אַ רועה (ער איז אָבער ניט געווען אַן עבד), און (ב) סוף־סוף איז לבן ניט געווען קיין איש זר, נאָר „עצמי ובשרי אתה"[39] — איז]

אויך זייענדיק אין גלות ביי לבן איז ער ניט געווען (אַריינגעטאָן) אין עניני העולם. אויך דאָרטן איז ער געווען (ויברח יעקב) (ב)שדה ארם[40], אַ רועה צאן[41], וואָס איז (כנ״ל) אַן עבודה ביי

29) המרמז ג״כ על כללות ענין הגלות (זהר ר״פ ויצא (קמז, א). ב״ר פס״ח, יג. ועוד).

30) ויצא לא, מ־מא (וראה שו״ע אדה״ז חו״מ הל׳ נזקי גו״נ ס״ד בקו״א).

31) ויצא שם, מג (ויעקב לא ענה לו ע״ז! ויתרה מזה — הכתוב אומר: וישכם לבן בבוקר וינשק לבניו ולבנותיו. — אבל ראה תיב״ע, פי׳ הראב״ע ועוד).

32) וישלח לב, ה ובפרש״י.

33) זח״א קלט, סע״א. קסא, א. ועוד. תניא ספי״ג. לקו״ת מטות פג, סע״ג ואילך. ואתחנן ה, ריש ע״ב. ובכ״מ. — וראה במקומות שנסמנו בהערה 27. ועוד.

34) פסחים נו, א. ויק״ר פל״ו, ה. ועוד.

35) לקו״ת ואתחנן ה, א. שה״ש ט, ד. — ועפ״ז יומתק דיוק ל׳ רש״י (וישב לח, ל) „עכן שיצא ממנו". — ולהעיר בנוגע לזמרי וקורח (רש״י ויחי מט, ו).

36) ויק״ר שם. רש״י ויחי מז, לא. וראה פסחים שם.

37) לקו״ת ואתחנן (שם א־ב). ועוד.

38) ראה רמב״ם סוף הל׳ שכירות. טושו״ע חו״מ סו״ס שלז. שו״ע אדה״ז שם הל׳ שאלה ושכירות כו׳ סעיף כ. וראה בארוכה לעיל ע׳ 139 ואילך.

39) ויצא כט, יד (וראה שם, טו). — אלא שהתנהג עם יעקב ברמאות, כאיש זר כו׳, „ואביכן התל בי גו׳" (ויצא לא, ז ואילך), עד ש„בקש לעקור את הכל" (נוסח הגש״פ).

40) הושע יב, יג.

41) ראה ויצא לא, לח־מ.

וועלכער מ׳קען בלייבן בהתבודדות פון עניני העולם[42].

און דער טעם לזה — ווייל יעקב איז תכלית הקדושה והאור, אינגאַנצן הע־כער פון חושך הגלות [בלשון החסי־דות[43]: מדריגת יעקב איז עולם האצילות וואו ס׳איז „לא יגורך רע״[44], דאָרטן איז ניטאָ קיין ענין פון חושך און פאַרשטעל אויף ג־טלעכקייט].

וואָס דאָס איז דער חילוק צווישן יעקב (והאבות) און די שבטים[45]:

דאָס וואָס די שבטים זיינען געווען רועי צאן איז עס געווען אַ תנועה של פרישות פון וועלט כדי די עניני העולם זאָלן זיי ניט שטערן, וואָס דאָס גופא באַווייזט אַז די עניני העולם האָבן אַ תפיסת מקום וואָס דערפאַר מוז מען זיך פון זיי פורש זיין;

די אבות אָבער זיינען געווען מרומם בעצם פון עניני העולם. און וויבאַלד אַז זייער מדריגה בעבודת השם איז אין אַן אופן פון כולו אור וקדושה, אָן קיין שום תפיסת מקום פאַר דעם חושך פון עניני העולם, איז עס במילא געווען אַזוי אויך אין זייער גשמית׳דיקן לעבן, אַז זיי זיינען געווען רועי צאן — העכער פון עניני העולם[46].

ועד״ז ביי יעקב׳ן: אפילו זייענדיק בגלות בבית לבן איז ניט געווען שייך ביי אים קיין ענין פון חושך העולם, ער איז געבליבן בהבדלה וברוממות פון דעם גלות, און דערפאַר, אויך כפשוטו — אַ רועה צאן.

און אָט דער ענין — אַז אויך ווען יעקב איז יורד אין גלות איז ער בהבדלה, העכער פון גלות — דריקט זיך אויס אין דעם, אַז בשעת עס קומט צו אַ מלחמה צווישן יעקב מיט שרו של עשו[47] (עס ווערט אַ „התאבקות״ צווישן יעקב מיט אַ מנגד), איז — „שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל״[48], יעקב ווערט דער שר ובעה״ב אויפן מנגד, ביז אַז שרו של עשו אַליין מוז מודה זיין „לא יעקב גו׳ שמך כי אם ישראל כי שרית גו׳[48]״.

[ועד״ז ווען יעקב האָט יורד געווען למצרים איז (נוסף לזה וואָס ער איז געבליבן אָפּגעזונדערט פון מצרים[49] (ע״ד הנ״ל בבית לבן) — אין ארץ גושן מיטב הארץ[50] — איז) „ויברך יעקב את פרעה״ — „שיעלה נילוס לרגליו . . ומשקה את הארץ״[51]: יעקב איז דער וואָס איז מברך את פרעה, ביז פרעה זאָל אַנערקענען אַז די פרנסה פון מצרים (וואָס ווערט ע״י הנילוס וואָס עולה ומשקה) איז אָפּהענגיק אין ברכתו של יעקב[52]].

ז. און דאָס איז דער אויפטו פון יוסף׳ן:

42) ראה ב״ר פס״ח, יא: כל כ׳ שנה שעמד בביתו של לבן לא שכב ומה הי׳ אומר כו׳ ט״ו שיר המעלות כו׳ כל ספר תהלים כו׳.

43) ראה במקומות שנסמנו בהערה 27. ועוד.

44) תהלים ה, ה. לקו״ת במדבר ג, סע״ג (וש״נ).

45) ראה גם לעיל ע׳ 8־197 ובהערות שם.

46) ראה תו״ח ויחי שם (קד, ג) בנוגע האבות: שאין הצמצום מסתיר כלל עד שיהי׳ צריך להפשיט א״ע כו׳.

47) וישלח לב, כה. ובדרז״ל עה״פ.

48) שם, כט.

49) ועד שמבחר שנותיו של יעקב היו בארץ מצרים (בעה״ט (ועוד) ר״פ ויחי. היום יום יח טבת — נת׳ בארוכה בלקו״ש ח״י ע׳ 160 ואילך. ועוד). וראה זח״א רטז, ב (נת׳ במקומות שבהערה 27).

50) פרשתנו מז, יא. ועוד. — ולהעיר מלקו״ש חט״ו ע׳ 407 ואילך ובהנסמן שם.

51) פרשתנו שם, י ובפרש״י.

52) ראה בארוכה בזה — המשך באתי לגני הש״ת פי״ג (ובד״ה באתי לגני תשכ״ג — סה״מ באתי לגני ח״א ע׳ קסט ואילך). לקו״ש ח״ו ע׳ 31.

**ביי יוסף איז געווען אַ** ירידה **אין גלות, באופן אַז ער איז געקומען אונ־טער דער שליטה פון (פוטיפר, און דער־נאָך) פרעה — און אעפ״כ, איז אויך אין אַזאַ מצב איז ער געבליבן בתכלית הדביקות אין אלקות.**

**ומהאי טעמא, איז דער כח וואָס יעדער איד האָט אויף דורכגיין ענין הגלות — וואָס ביי יעדער אידן איז דער ענין הגלות כפשוטו, תחת שליטת האומות כו׳ — נעמט זיך (בעיקר) פון יוסף׳ן דוקא.**

**וואָס דעם כח האָט יוסף אַריינגעגעבן אין אידן דורכדעם וואָס „פירנסם וכלכלם בימי הרעב" — וואָס ער האָט משפיע געווען בכל השבטים[53] פון זיין מעלה ומדריגה (כנ"ל סעיף ג), ועי"ז איז עס נמשך געוואָרן לבניהם אחריהם, צו כאו"א מישראל[54] עד סוף כל הדורות.**

**און דאָס איז אויך דער סדר הבקשות אין דעם מזמור „רועה ישראל האזינה נוהג כצאן יוסף":**

**בשעת אידן זאָגן אַ תפלה אויף ענין הגלות, אַז עס זאָל זיין „השיבנו האר פניך ונושעה" — זאָגט מען פריער די מעלה פון (יעדער אידן אַלס) „**ישראל**" — „**שרית **עם אלקים ועם אנשים ותוכל", וואָס דאָס איז די מעלה וואָס יעדער איד האָט בירושה פון יעקב, אַז מ׳איז (מצד פנימיות הנפש) אַ** שר **אויף עניני הגלות, ובמילא מאָנט מען „האזינה";**

**און דערנאָך זאָגט מען דעם העכערן עילוי — „נוהג כצאן** יוסף**" — דעם עילוי פון „יוסף" וואָס איז פאַראַן בכל אחד ואחד, וואָס מצד דעם, איז אפילו ווי אידן זיינען** אין **דעם חושך והעלם והסתר פון גלות[55], איז דאָס ניט מבלבל זייער דביקות בהשם, און זיי זיינען גאַנץ אין זייער אידישקייט כו׳;**

**וואָס דורך דעם איז ניט נאָר וואָס מ׳איז** מבטל **דעם גלות[56], נאָר מ׳טראָגט אַריין דעם „אל״ף" — אלופו של עולם —** אין גלות גופא**[57], ווערט פון „גולה" — „גאולה"[58], אַז דער גלות גופא ווערט נהפך לגאולה,**

**ווערט במילא אַ גאולה נצחית שאין אחרי׳ גלות, גאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו[59], במהרה בימינו ממש.**

(משיחת ש״פ חוקת תשמ״א)

---

53) **ואף ש(יעקב ו)השבטים** עצמם **(היו בארץ גושן ו)לא היו תחת שעבוד מצרים (רש"י וארא ו, טז) — מ"מ הוצרכו להשפעתו של יוסף בשביל בניהם אחריהם כו׳ (ראה תו"ח שם (קה, ב ואילך) בפי׳ „למחי׳ שלחני . . לפליטה גדולה" (פרשתנו מה, ה־ז)). ומ"מ נאמר „להחיות** לכם**" (פרשתנו שם) וכיו"ב — כי יוסף המשיך** באחיו **העילוי שנפעל ע"י בירור הגלות (בירור דתהו כו׳ — ראה תו"ח שם).**

54) **ואין לזה סתירה ש„אין קורין אבות אלא לשלשה" (ברכות טז, ב. תו"א ר"פ וארא ובכ"מ) — כמשנ"ת בלקו"ש ח"ה ע׳ 241 הערה 17. ועוד.**

55) **ושייכות מיוחדת לדורנו זה, שנשיא הדור — כ"ק מו"ח אדמו"ר — שמו (הראשון) יוסף, ו„פירנס וכלכל" את ישראל (הן בגשמיות והן ברוחניות) „בימי** הרעב**" דחושך כפול ומכופל דדרא דעקבתא דמשיחא. וראה בארוכה לקו"ש ח"ג (ע׳ 835 ואילך) — ההשוואה דעבודת נשיא דורנו לבחי׳ יוסף בכו"כ פרטים. ע"ש. ולקמן ע׳ 272 הערה 21.**

56) **ולהעיר שגם הענין ד**ביטול **הגלות (דעשו) שע"י יעקב — השלימות בזה היא ע"י** יוסף **(„תולדות יעקב"), וכמש"נ (עובדי׳ א, יח — הובא ברש"י ויצא ל, כה. רש"י ישן ר"פ וישב) „בית יעקב לאש ובית יוסף להבה ובית עשו לקש".**

57) **שזהו המשך הבקשה, שיהי׳ (לא רק „האזינה" כ"א) „יושב הכרובים** הופיעה**".**

58) **ראה לקו"ת בהעלותך לה, ג (ובאוה"ת שם ס"ע תכג ואילך). אוה"ת בא ס"ע ערב ואילך.**

59) **דוד מלכא משיחא שיהי׳ למעלה מעלה מבחי׳ יוסף — שלכן „ודוד עבדי נשיא להם לעולם" (יחזקאל לז. כה — מהפטורת פרשתנו) — ראה תו"ח שם (קו, א ואילך). וראה לקמן ע׳ 258 ואילך.**